# קאסרילעווקער טראמוויי

אָנגעקומען בין איך קיין קאסרילעווקע מיט דער באן — עס גייט שוין, דאנקען גאָט, אהין א באן! — אָסיען-צײַט, אינדערפרי, פארן דאוונען. אין דרויסן האָט געמראקעט א קליין רעגנדל, און סע האָט זיך געבילדעט פון דעם א גרויס שיטער בלאָטקעלע. אפן וואָקזאל האָבן זיך א לאָז געטאָן אקעגן מיר א גאנצע קאָמאנדע הויז-מעשאָרסים מיט געלע בערד, מיט געלע קאפּאָטעס און מיט געלע בלעכלעך אף די געלע אָפּגעבארעטע קאשקעטלעך.

— פּעטער! גראנד-האָטעל!

— האָטעל פראנציע, פּעטער!

— פּעטער! פּאָרטוגאליע!

— פּעטער! טערקאליע!..

דורכגעלאָפן מיט גאָטס הילף דורך דער דאָזיקער קאָמאנדע הויז-מעשאָרסים בעשאָלעם, האָב איך מיך ארײַנגעכאפּט צווישן אן אנדער כעוורע, כעוורע באלעגאָלעס מיט גרויסע שטיוול און מיט לאנגע בײַטשן. די דאָזיקע כעוורעלײַט האָבן מיך מאמעש שיר ניט צעריסן אף שטיקלעך. איינער א יונגאטש מיט ביינער האָט בא מיר באל-קאָרכי ארויסגעריסן מײַן טשעמאָדאנטשיק, האָב איך געמאכט זייער א גרויסן גוואלד: „מײַנע קסאָווים! מײַנע פּאפּירן!" — האָבן זיך צוויי אנדערע באלעגאָלעס אָנגענומען מײַן קריוודע, מיך געוואָלט נעמען צו זיך, און ס'איז געוואָרן צווישן זיי א געשלעג. בעטויך קאך האָב איך געכאפּט מײַן טשעמאָדאנ-

טשיק, ארויסגעגליטשט זיך פון זייערע הענט און האָב זיך געלאָזט גלײַך צום טראמוויַ.

— אהער, ברידערלעך, אהער! א פיטאקל א פאָר! א פיטאקל א ייִד! פונדאנען ביזן עק בעלעפילער-גאס סאכאקל איין פיטאקל! פינף קאָפּעקעס א ייִד!

דאָס שרײַט דער קאָנדוקטער אליין, א יונגערמאנטשיק מיט א געל בערדל, אף א כאָרכלדיקער שטימע, מיט א רײַזעטאש אפן האלדז און מיט א קנעפל אפן קאשקעטל. נעבן אים שטייט נאָך איינער, א ייִד מיט א צעריסענער קאפּאָטע און מיט א בײַטש — דער קוטשער פונעם טראמוויַ. ביידע ווײַזן מיר מיט די הענט אף א מין בײַדל, וואָס שטייט אָנגעבויגן א ביסל אף א זײַט, מיט אויסגעזעצטע שויבן, וואָס מע רופט דאָס „וואגאָן"; בא א לאנגן דישל שטייט צוגעשפּאנט א ווײַס אויסגע-דארט פערדל, האלט אראָפּגעלאָזט די מאָרדע און דרעמלט.

— פּאוואָליע נאָר, — זאָגט צו מיר דער קאָנדוקטער, — איר זאָלט זיך ניט פארטשעפּען דאָרט; עס פעלט א ברעטל אין דער פּאָדלאָגע. מע רעמאָנטירט דעם טראמוויַ.

איך זעץ מיך ארײַן פּאמעלעך אין וואגאָן, לייג אנידער נעבן זיך דעם טשעמאָדאנטשיק אוןווארט. ס'איז קילבלעך. איך קלאפּ א פוס אָן א פוס.

— קאָנדוקטער! — זאָג איך צום יונגנמאן. — מיר וועלן אמאָל פאָרן, צי ניין?

— אימירצעשעם, מיט גאָטס הילף! — ענטפערט מיר דער קאָנדוק-טער.

— גיב נאָר אהער א ביסל טוטין, דו, יאָסל! — מאכט צו אים דער קוטשער, וואָס מיט דער בײַטש און מיט דער צעריסענער קאפּאָטע.

— איר זײַט ניט קראנק צו רייכערן קאָרענצעס, רעב קאסריִעל! — האקט אים אָפּ יאָסל דער קאָנדוקטער. — פון גוטן טוטין קאָן אײַך, כאָ-לילע, וויי טאָן דער קאָפּ!

— מאך ניט קיין אָנשטעלן, דו סמארק איינער, און גיב אהער א ציגאר טוטין! — זאָגט צו אים קאסריִעל דער קוטשער.

און דער קאָנדוקטער מיטן קוטשער פארדרייען צו פּאפּיראָסן.

— ווען וועלן מיר פאָרן? — פרעג איך ווידער באם קאָנדוקטער.

— הײַנט. — ענטפֿערט ער מיר גאַנץ קאַלטבלוטיק און גיט דעם קוטשער פֿאַרייכערן.

איך וואַרט און וואַרט, ביז עס הייבן אָן ביסלעכווײַז צונויפֿקלײַבן זיך פֿאַרשוינען. פֿריער קריכט אַרײַן א ייִד מיט א צעריסן טולופּל פֿון א מין רויכוואַרג, וואָס ס'איז שווער צו טרעפֿן, וואָס פֿאַר א חיה האָט געטראָגן די דאָזיקע פֿעל: זאָל איך זאָגן א פֿוקס — איז דאָס צו ווײַס; זאָל איך זאָגן א קאַץ — איז דאָס צו רויט. נאָך דעם ייִדן מיט דעם צעריסענעם טולופּל קריכט אַרײַן נאָך א ייִד אָן א טולופּ, א געפֿרוירענער נעבעך, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטן, זיפֿצט און זוכט אָן אָרט און זעצט זיך אַנידער בײַ דער טיר אין א ווינקעלע. נאָך דעם געפֿרוירענעם ייִדן קריכט אַרײַן א קאָשעק מיט עפּל, און טייקעף נאָכן קאָשעק — א ייִדענע, אײַנגעוויקלט אין דרײַ שאַלן, און אַלע דרײַ זײַנען צעפֿלאָכטן, און מע זעט, אַז ס'איז איר נעבעך קאַלט.

— פּיאָ-אויט! רעב קאַסריִעל, פּאַשאָל! — רופֿט זיך אָן יאָסל דער קאָנדוקטער צו קאַסריִעל דעם קוטשער, טוט א פֿײַף, און דער טראַמווײַ רירט פֿונעם אָרט. ער גייט אויף עטלעכע טריט און שטעלט זיך באַלד אַנידער. עס עפֿנט זיך אויף דאָס טירל פֿונעם וואַגאָן און עס באַווײַזט זיך א קאָפּ.

— ניט פֿאַראַן דאָ מוישע?

— וואָסער מוישע? — פֿרעגט יאָסל קאָנדוקטער.

— א באָכער מיט א קאַשקעט! — ענטפֿערט דער קאָפּ.

— ער דינט אין א זאַליאַזנע קראָם? — פֿרעגט אים יאָסל.

— אין א זאַליאַזנע קראָם, — ענטפֿערט דער קאָפּ.

— איך קען אים! — מאַכט יאָסל קאָנדוקטער, טוט א פֿײַף צום קוטשער: — פּיאָ-אויט! רעב קאַסריִעל, פּאַשאָל!

און מיר פֿאָרן ווײַטער.

— א בילעט! — רופֿט זיך אָן צו מיר דער קאָנדוקטער. — איר זײַט מיר עפּעס ניט קענטלעך; אַפֿאָנעם, ניט קיין היגער?.. איר רעכנט דאָ שטיין לאַנג? קאָן איך אײַך פֿאַרפֿירן אין א סטאַנציע, דאַפֿקע ניט קיין האָטעל, נאָר א ריינע, אָן וואַנצן... און עסן וועל איך אײַך אָנווײַזן אין ערטל, ווו עס וועט אײַך קאָסטן וואָלוול און איר וועט האָבן האַנאָע.

איך דאַנק אים זייער און זאָג אים, אַז איך האָב דאָ באַקאַנטע. פֿרעגט ער: ווער זײַנען זיי, און וואָס איז זייער טועכץ?

איך טראַכט אים אויס אַ נאָמען פון דער אגאָדע און טשעפּע מיך אָפּ פון אים. ער לאָזט מיך צורו און גייט צו צום ייִדן מיטן טוליפּל און הייסט אים נעמען אַ בילעט. דער ייִד מיטן טוליפּל קנייטשט מיט די פּלייצעס:

— ווייס איך! איך האָב דען אַ גראָשן אַפילע בא דער נעשאָמע?..

— שוין דאָס דריטע מאָל היינטיקע וואָך, אַז איר פאָרט אָן אַ בילעט! — זאָגט צו אים יאָסל קאָנדוקטער מיט פאַרדראָס.

— נו, בעכיין — זאָל איך גיין צופוס? צי זאָל איך גיין ערגעץ גאַנווענען פונדיינטוועגן? — ענטפערט אים דער ייִד מיטן טוליפּל אויך מיט פאַרדראָס.

יאָסל קאָנדוקטער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און גייט אַוועק פון אים צו יענעם געפּרווירענעם ייִדן, וואָס אָן אַ טוליפּ. יענער מאַכט זיך ווי ער דרעמלט.

— הערט נאָר, זייט זשע מויכל, אַ בילעט!

דער ייִד האָט זיך קלוימערשט אופגעכאַפּט פונעם שלאָף און רייבט אַ האַנט אָן אַ האַנט.

— אַ בילעט! — מאַכט צו אים נאָכאַמאָל יאָסל קאָנדוקטער.

— שאַמאַטי! — ענטפערט אים דער ייִד און הוקעט זיך אין די קולאַקעס אַריין.

— וואָס טויג מיר אייער שאַמאַטי? — זאָגט צו אים יאָסל דער קאָנדוקטער מיטן האַרבן וואָרט, — נעמט אַרויס, זייט מויכל, אַ פּיטאַקל און נאַט אייך אַ בילעט.

— שאַ-שאַ! — מאַכט צו אים דער געפּרווירענער. — וואָס איז עפּעס מיט אַזאַ ייִרגאָזן? קוק אים אָן, אַ גאַנצער יאַכסן!

— מאַכט ניט קיין אָנשטעלן, — זאָגט צו אים יאָסל קאָנדוקטער, — און גיט אַהער דאָס פּיטאַקל!

— עט-נו! — מאַכט צו אים דער געפּרווירענער. — מיר וועסטו, מאָלט אייך, עפּעס אָפּלאָזן פון אַ פּיטאַקל!

— מיינע צאָרעס וועל איך אייך אָפּלאָזן! — זאָגט יאָסל קאָנדוק-טער.

— האַלט זיך מיט זיי געזונטערהייט! — ענטפערט אים דער גע-פּרווירענער. — איך האָב גענוג אייגענע צאָרעס.

— װעל איך אײַך בעטן מעכילע, איר זאָלט זיך מאַטריִען זײַן אַראָפּ פֿונעם װאַגאָן! (צום קוטשער:) רעב קאַסריִעל, סטאָפּ!

קאַסריִעל דער קוטשער שטעלט אָפּ דעם טראַמװײַ און איז זיך מאַ־מעש מעכײַע, און דאָס פֿערדל — אװאַדע.

— זײַט זשע מױכל, מיט דער רעכטער פֿוס! — זאָגט יאָסל קאָנ־דוקטער צום געפּרוּװירענעם. דער געפּרוּװירענער זיצט, טאַנצט מיט די פֿיס און רײַבט זיך די הענט און רירט זיך ניט פֿונעם אָרט.

— איר װאַרט אַף קאָװעד? — מאַכט צו אים יאָסל קאָנדוקטער. — איר װילט, איך זאָל אײַך נעמען פֿאַרן קאָלנער און אַרױסװאַרפֿן אַף דרײַ שפּענדלעך? לאָז קומען װעלװל דער „קאָנטראָליר", ער איז בײַ אונדזער קאַסירער אַף אַ בריס, װעט איר האָבן אײַער פּסאַק. רעב קאַסריִעל, פּאַ־שאָל! — מאַכט ער צום קוטשער, און דער טראַמװײַ פֿאָרט װײַטער.

— ניטאָ קײן עמעס אַף דער װעלט! — רופֿט זיך אָן פֿלוצעם די יִדענע פֿון די עפּל. — מיט װאָס איז דער ייִד ערגער פֿון יענעם ייִדן, װאָס יענער מעג פֿאָרן אָן אַ בילעט און דער טאָר ניט? באַשער יענער טראָגט אַ טולופּל, און דער גײט נאַקעט! ער װעט דיר אָפּניצן אַ שטיקל בענקל װעט ער דיר? צי דו מײנסט, מע װעט דיר שטעלן אַ גאָלדענע מאַצײװע װעט מען דיר?

— װער בעט אײַך, איר זאָלט זיך אַרױסשטעלן פֿאַר אַ מײליץ־יױשער? — רופֿט זיך אָן צו איר יאָסל קאָנדוקטער. — װאָס גלײַכט איר זײ צו יענעם ייִדן? יענעם ייִדן קען איך: ער איז אַ טאַטנס אַ קינד, נעבעך אַ געפֿאַלענער, און זײ (ער װײַזט אויפֿן געפּרוּװירענעם) — איך װײס װער זײ זײַנען? עפּעס אַן אָרעמאַן, אַ שלעפּער!

— נו, און אַז אַן אָרעמאַן, איז װאָס? — שטעלט זיך אױף די ייִדענע פֿון די עפּל. — באַדאַרף מען אים װאַרפֿן? װאָס איז פֿאַר אַ װאַרפֿן װאָס? זע נאָר, װאָס ער האָט דאָ כּוּיטע־בײגל געװוען! דאָס פֿערדל גײט דאָך בעמײלע אין שטאָט אַרײַן, װעט זיצן נאָך אַ ייִד! עלעהײ, לאָז זיך דיר דאַכטן, אַז דו האָסט שוין צוגענומען נאָך אַ פּיטאַקל, נו? װעסטו זײ שוין פּעט מאַכן דערמיט די יױך װעסטו?

— אַז מע פֿרעגט אָבער בײַ אײַך קײן אײצעס ניט! — מאַכט צו איר יאָסל קאָנדוקטער. — איר גיט בעסער אַהער אײַערס אַ פּיטאַקל און נאָט אײַך אַ בילעט!

— אוי! ייִדן! — כאַפּט זיך אויף די ייִדענע, טוט אַ פּאַטש איבער די קליידלעך. — איך האָב אָבער געוווּסט, אַז ער וועט זיך טשעפּען צו מיר אויך! איך זאָל אַזוי האָבן אַלדאָס גוטס, ווי איך האָב געוווּסט!

— וואָס זשע דען האָט איר געמיינט? — זאָגט יאָסל קאָנדוקטער. — איך וועל אײַך פירן אומזיסט?

— וואָס הייסט, דו וועסט מיך פירן? — מאַכט די ייִדענע. — דער וואַגאָן פירט מיך, ניט דו פירסט מיך! ער האָט זיך אָנגעהאַנגען אַ מענשן קנעפּל און קאָמאַנדעוועט! איך געדענק דאָך נאָך, אַז דו ביסט געווען אַ באַהעלפער בא לייזער-הערש דאַרדעקע ביסטו געווען, געטראָגן די קינדער אַף די פּלייצעס אין כיידער אַרײַן מיט אַ טעפּעלע אָנבײַסן, — הײַנט וואָס דערציילסטו מײַסעס: „בילעט-שמילעט”?

— וואָס זאָגט איר צו מײַנע גליקן? — מאַכט צו מיר יאָסל און זעצט זיך צו צו מיר. — אָט אַזוי, ווי איר זעט, זײַנען זיי דאָ אַלע אַזעלכע פאַרשוינען. ווער עס האָט געלט און קאָן צאָלן — דער גייט צופוס, און ווער עס האָט ניט און קאָן ניט צאָלן — דער פאָרט מיטן טראַמוויי. און גיי לעב, האַלט אויס אַן אַלטע מאַמע מיט אַ שוועסטער אַן אַלמאָנע... איר זעט אַ פּאָר שטיוול? (ער ווײַזט מיר די שטיוול) זיי בעטן עסן...

פּלוצעם הערט זיך אַ טראַסק, אַ קלאַפּ פון צוויי דישלעס, אַ כראָפּען און אַ סאַפּען פון צוויי פערד. דאָס האָבן זיך באַגעגנט צוויי וואַגאָנעס אַף איין ליניע, דער אַהער, דער אַהין. און עס הערן זיך קלאָלעס:

— אַ כאָליערע! אַ מיסע-מעשונע! סע זאָל אַ רועך אין דײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן ביז אָדאָם-האָרישן געפלויגן געוואָרן!..

— ווער דערוואָרגן מיטן דישל, און לאָז זיך דיר שטעלן דאָס מויל אַף אַ זײַט! אַ רועך אין דײַן טאַטנס טאַטן! דו ביסט בילכער!

— ווו זײַנען דײַנע אויגן, דו מאַמזער? זעסט, אַז איך פאָר רעכטס — נעמט מען זיך לינקס!

— ווו שטייט דאָס געשריבן, דו פערד איינער, אַז דו באַדאַרפסט פאָרן רעכטס און איך לינקס? טאָמער איז גאָר איבערגעקערט דעם פעלץ אַף דער אַנדער זײַט: איך רעכטס און דו לינקס?

— בעהיימע, דערוף איז דאָך פאַראַן צוויי ליניעס: איך אַהער און דו אַהין!

— ביסט אַליין אַ פערד! ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז דו אַהער און איך אַהין?

— ווייסטו וואָס? כאַפּט זיי בעני מיט זייערע ליניעס, מיט זייערע וואַגאָנעס, מיט זייער גאַנצן טראַמוויי! גיב נאָר אהער, קאַסריעל-סערדצע, א ציגאַר טוטין, טאָמער האָסטו? ברענען זאָלן זיי מיטן טראַמוויי אַף איין פייער! וואָס מאַכט עפּעס די אַלטע דיינע? שטילער געוואָרן א ביסל?

— ווי לאַנג שמייסט מען זי! שטיל איז זי נאָר דעמלט, ווען זי שלאָפט. וואָס הערט זיך עפּעס בא דיר?

— וואָס זאָל זיך הערן? מע מאַכט מיר אַף די „פּאָסטאָראָנקעס". איך האָב מוירע, איך וועל מיט זיי שלאָגן קאַפּאָרעס...

— ווייסטו ניט וואָס מע טוט, בעהיימע? דו שלאָג בעסער מיט זיי בלאַט; נעם זיי אַפּן „דראָנזשיק", אַזוי ווי איך, וועלן זיי געבן האָבער.

— געבן זאָל זיי גאָט קרענק מיט קאַדאָכעס א גרויס מעסטל!.. וואָס טוט עפּעס דער „בולאַנער" דיינער? ער גייט שוין בא דיר אין פּריסטיאַזש? צי נאָך ניט?

— לאָז ער דיר גיין אין גאָטס ערד! ער האָט מוירע פאַר א בייטש און מאַכט „לעמל"... א שוועבעלע האָסטו? גיב פייער!

און אָט לאָזן זיך ארייןביידע קוטשערס אין א לאַנגן שמועס אַף באַלעגאָלע-לאָשן, ווי די גרעסטע גוטעברידער. אויך ביידע קאָנדוקטערס פאַרבינדן צווישן זיך א שמועס גאָר פריינטלעך, ביז עס קומט אָן וועלוול קאָנטראָליר, פריילעך פונעם קאַסירערס בריס, און מאַכט א גע-פּילדער:

— א רועך אין אייער פּאָרנט און מיטן אריין! איר האָט זיך שוין ווידער פאַרביטן מיט די יאָצרעס? אייער גליק, וואָס איך בין היינט א ביסל אופגעלייגט פונעם בריס, וואָס אונדזער קאַסיר מאָטי האָט גע-מאַכט... הערט איר, קינדער, האָט ער געמאַכט א בריס — זאָל א רועך אין זיין טאַטן אריין! ניט אומזיסט זיצט ער בא דער קאַסע... איך וואָלט אויך א באַלן געוועזן! א סאַך בעסער ווי זיין א קאָנטראָליר, נאָכלויפן נאָכן וואַגאָן, ווי א הונט! יידן! וואָס האָט זיך דאָ בא אייך געטראָפן? ווידער א קאַטאַסטראָפע? ווידער א צוזאַמענפאָרעניש? ווו זיינען אייערע אויגן? די פאַרשוינען — כאַפּט זיי דער וואַטנמאַכער! א גליק, וואָס די וואַגאָנעס ניט צעבראָכן. בעקיצער, איר מוזט זיך, קינדער, צעפאָרן... רעב קאַסריעל-סערדצע, נעמט, זייט מויכל, שפּאַנט איבער דאָס פערדל

מיטן דישל און פֿאָרט צוריק אפֿן וואָקזאל, און רעב אזריעל וועט אײַך נאָכפֿאָרן הינטן...

— וואָס איז עפּעס געפֿאלן דער גורל אף מיר? — זאָגט קאסריעל. — לאָז אזריעל איבערשפּאנען דאָס פֿערדל און לאָז ער פֿאָרן צוריק אין שטאָט אַרײַן, און איך וועל אים נאָכפֿאָרן הינטן.

— רעב אזריעל! — רופֿט זיך אָן דער קאָנטראָליר. — נעמט, זײַט מויכל, שפּאנט איבער דאָס פֿערדל און פֿאָרט צוריק אין שטאָט אַרײַן.

— אָבער גאָר לוי מיט א לאנגע-כאָף! — זאָגט אזריעל. — איך קאָן באשטיין, אז קאסריעל זאָל איבערשפּאנען דאָס פֿערדל און פֿאָרן צוריק צום באַן. ער איז ניט כוילע.

— איך זאָל וויסן, דער טויט זאָל מיר זײַן, — זאָגט קאסריעל, — פֿאָר איך ניט צוריק!

— איך זאָל וויסן, אז איך נעם דאָ אײַן א מיסע-מעשונע, — זאָגט אזריעל, — ריר איך ניט פֿונעם אָרט!

— אזא יאָר! אזא מאזל! — מישט זיך אַרײַן די ייִדענע, כאפּט דעם קאָשעק מיט עפּל און קריכט ארויס פֿונעם טראמווײַ. — א שיינער פֿאָר! פּיטאקלעך הייסן זיי זיך נאָך צאָלן! ווען איך גיי צופֿוס, וואָלט איך שוין זעקס מאָל געווען אין שטאָט וואָלט איך! א „טראָמבעליק” האָבן זיי צוגעקלערט אין קאסרילעווקע — טפֿו זאָלן זיי ווערן...

„אפֿאָנעם, — טראכט איך מיר, — אז מע באדארף נעמען די פֿיס אף די פּלייצעס און אוילערעגל זײַן אין שטאָט אַרײַן”...

איך נעם מײַן טשעמאָדאנטשיק אין די הענט אַרײַן און לאָז מיך גיין מעכילע צופֿוס; פֿאָרן אָן פֿון הינטן כעוורע באלעגאָלצעס מיט א פּײַף מיט א הוק און מיט א געלעכטער.

— אהא? דער רעבע האָט ניט געוואָלט עסן קיין טייגלעך מיט פּאסאָליעס? איר האָט ניט געוואָלט פֿאָרן מיט קיין פּראָסטן באלעגאָלע? מיטן „טראָמבעליק” האָט זיך אײַך געגלוסט? אײַער גליק, וואָס איר זײַט נאָך ארויס גאנץ, ניט געמאכט פֿון אײַך קיין פּרעזשעניצע... קריכט שוין אין בויד אַרײַן, פֿעטער, מיטן טשעמאָדאנטשיק, קריכט אין וואָס פֿאר א בויד איר ווילט, — בא אונדז איז יאדאכעס, א מאקע בעכעוורוסע, וואָס גאָט גיט, אבי אינײַנעם... וויאָ, קינדער, וויאָ-וויאָ!..

איך קריך מיט מײַן טשעמאָדאנטשיק אין בויד אַרײַן און פֿאָר אַרײַן קיין קאסרילעווקע מיט גרויס פּאראד.